STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04000

# TANTS, GEZANG, UN PAYN

Morris Nathan Winograd

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ווינאָגראַד

# טאַנץ געזאַנג און פּיין

פאַרלאַג „אויפקום"

ניו־יאָרק

1929

Copyright - 1929
by
M. Winograd
New York, N. Y.

אָריאָם פרעס, 161 גרענד סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

# אינהאַלט:

## I וואוואַלן


שלייערס — 7
ליכט און שאָטן — 8
וועלט מיין וועלט! — 9
אַ פאַרנאַכט אין גליל העליון — 10
ווי דער יוקאַליפּט — 11
דער טויט — 12
"Picture Frames a Specialty" — 14
פון אדם הראשון ביז מיר — 15
אַ ווייסע הערבסט־נאַכט — 16
ניטאָ קיין ביים איבער דער זון — 17
סאַמבאַט — 18
אַ שלעכטער סימן — 19
פאַרלוירן־געפונען — 20
ניו־יאָרק — 21
אויף אַ ווייסן זעגל — 22
אַנאַנסן — 23


## II קאָלירן־קלאַנגען


עלעגיע — 27
פאַר דיין געזונט — 28
אין עמק יזרעאל — 29
לידער ווי טויבן — 30
אַ ניגון — 31
אַ מיניאַטור סימפאָניע אין שוואַרץ — 32
האַרבסט־מאָטיוו — 36
קאָנטראַפּונקט — 37

## III ד ר אַ נ ג


דינסטן אין אַ האָטעל — 41
פאַרבעטנדיג די בעטן — 42
באַרג וועזואָוויוס אין אַ נעבלדיגן פאַרנאַכט — 44


## י ם ל י ד ע ר


אַ שיף גייט פאַרביי — 47
די כוואַליעס — 48
סאַרדיניאַ — 49
גערהאַנגל — 50
טעג פאַרגייען — 51
זיסער שטאַרקער ווייַן — 52
אַ באַלאַדע פון טויזנט וועלט חכמים — 54
**Stop** — 56
היראָגליפן — 57
**Still Life** — 58
אַ קאָפּ פאַר אַ האַרץ! — 59
אַלטע גייעס — 61
געפאַנגען — 62
העכערע מאַטעמאַטיק — 63

# I.

# וואואַלן

# שלייערם...

ווי אַ טענצערן אין שלייערם
טאַנץ איך אוים מיין לעבן —
וואָס אַ טאַנץ אַלץ נייע
שלייערנע געוועבן...

קיינער שיקט מיר ניט קיין בלומען,
קיינער גיט אַפּלאָדיסמענטן;
דאָך ציט אַזוי זיך מער אַנטבלויזן —
אָט אַזעלכע סענטימענטן...

און ווען כ'האָב היינט, אַ פּרום־פּאַרשייטער,
שלייער נאָך שלייער פון זיך געריסן,
האָבן שלייערם לאַכנדיג געררישט:
„וואָס קען אַ שלייער פון שלייערס וויסן!"

[מ. ווינאָגראַד

# ליכט און שאָטן...

נאָך איידער איך האָב דיין ליכט דערזען
האָט עס טיף אין מיר געברענט;
דאָך האָב איך צווישן וואָלקנס ערשט
דיין לויטער ליכט דערקענט...

ווי קען איך איצט צו דיר זיך ווענדן
זאָלסט לייכטן מיר מיין קרומען וועג,
אַז אין געיעג נאָך פלינקע שטערן
האָב איך פאַרשווענדט מיין ליכט־פאַרמעג...

כ'האָב טעג פאַרשווענדט און נעכט פאַרשוועכט,
דאָך זע איך איצט, אַז אומעטום
פלעג איך בלויז דיך אַליין,
נאָר דיך אַליין, זוכן שטום...

# וועלט, מיין וועלט!...

וועלט, מיין וועלט —
ברענענדיגער וואַלד
פון מיין גוף׳ס געצעלט!..

ס׳האָט די גרינקייט פון דיינע בוימער
בלינד געמאַכט מיר מיינע אויגן,
און איך — אַ בלינדער שומר —
האָב די צווייגן אַראָפּגעבויגן...

איז עמיצער ביינאַכט געקומען,
ביי מיינע פיס די צווייגן אָנגעצונדן...
איצט לאַכן ווינטן מיט געברומען
פון מיינע פייערדיגע וואונדן...

[מ. ווינאָגראַד

# אַ פאַרנאַכט אין גליל העליון

(מיין זיידן,
אברהם זאב ווינאָגראד)

ס'האָט די ליכטיקייט פון גליל
מיר אַנטפּלעקט מיין קלאָרן ווילן,
און ווי שעפּסלאַך בלאָנדזשענדע אין מדבר
לויפן גלגולים פון מיינע רעיונות —
זיך מקריב זיין אויף אַ מזבח
געשטעלט פאַר גאָט...

נאָר בלויז פאַר קרבנות כשר'ע
ווי אליהו'ס
שיקט גאָט אַראָפּ זיין פלאַם...

ווי משה'ס לוחות
זענען אויס שטיינער פון די בערג נפתלי —
אָט איז אויסגעקריצט „אנכי"...
נאָר די זון, ווי זי וואָלט איצט די הימלען ברענען,
לאָזט מיך ניט צו גאָט גענענען...

# ווי דער יוקאַליפּט...

ווי דער יוקאַליפּט
וואָס ווערט געפּלאַנצט אין פייכטע געגנטן,
איינצוזאַפּן איז זיך די פייכטקייט
פון צעפוילטער ערד
און קראַנקער לופט,
שטיי איך צווישן אייך...
זויגן מיינע אויגן
דעם סם פון אַייערע זינד —
אָפענע און בלינד...

ס'איז קראַנק מיין געזאַנג,
קראַנקער מיין געדאַנק.
ס'איז מיין בלוט אַ זינד־באַד
פון אַ זיסן גאָט
וואָס ווערט אין אים צעגאַנגען
און עס בלייבן נאָר פון אים
זיינע אייביגע פאַרלאַנגען...

ווער איך, ווי דער יוקאַליפּט,
ניט וויינען מיר אויף מיין זומפּיג מזל,
נאָר ווי ער, מיט זיינע פרישע גרינע בלעטער,
מיט שמייכלען מיין פּנים פאַרדעקן
און גרינען איבער אייערע לעבנס
ביז עס וועט די וועלט זיך עקן...

[מ. ווינאָגראַד

# דער טויט

ס'האָט אַ קינד געפרעגט:
„וואָס איז טויט?"
און אַלע האָבן געשוויגן...
כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ! —
ס'אַ שאַנדע דאָך, מיינע ליבע לייט,
פאַר קינדער אין די וויגן...

דער טויט איז אַ מעשה
אַזאַ, אַ ווייסע:
געקומען איז אַ שיינע „טאַנטע",
אין אַ לאַנגער ווייסער פעלערינע,
און מיט פינגער ווייכע, דינע
אַ קינד גענומען אויפ'ן האַנט
און אַוועק שפּאַצירן אין אַ וואונדערלאַנד —
מיט'ן קינד שפּאַצירן געגאַנגען...

און געזונגען האָט די טאַנטע
די שענסטע לידעלאַך, געזאַנגען,
וואָס נאָך קיינמאָל ניט געהערט
אָט־אָ־דאָ אויף דער ערד...
און האָט שפּאַצירט און שפּאַצירט
אויף אַ וועג, וואָס האָט
צו אַ טייך פון ליכט געפירט...

צוגעקומען צו דעם טייך —
האָט מען פאַר זיי גלייך
אַראָפּגעלאָזט אַ בריק פון זילבער
און פון ווינט...
און ווי זיי זיינען נאָר אַריבער,
האָט דער וועכטער, אויפגעשווינט,
אויפגעהויבן צוריק די בריק
און זי פאַרגעסן צוריקצולייגן —

גאָר פאַרגעסן צוריקצולייגן...
נאָר שאַ, מיין קינד,
ער וועט שוין קריגן, אָט דער וועכטער,
ער וועט שוין קריגן !..

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט אַ קינד געפרעגט:
„וואָס איז טויט?"
און אַלע האָבן געשוויגן...
כאַ־כאַ־כאַ! — דאָס ווייסן דאָך
קינדער אין די וויגן...

[מ. ווינאָגראַד

# "PICTURE FRAMES A SPECIALTY"

אין זיין אַלטן אַרבעטס-צימער
זיצט דער אַלטער מיסטער סמיט,
צווישן בילדער פיל, ווי אימער,
בילדער פון אַ יעדן שניט...

און ער פאַסט זיי איין אין ראַמען,
יעדע ראם צום בילד געפּאַסט —
גלייך ווי ביידע וואָלטן שטאַמען
פון איין מאַמען — און ער שפּאַסט:

„מיסטער סמיט, דער ספּעציאַליסט
אין דעם פאַך פון בילדער רעמען! —
אייזל איינער, וואָס דו ביסט,
כ'לעבן וואָלסט געמעגט זיך שעמען...

האָסט געדרעמלט און געדרעמלט
פרעמדע בילדער, פרעמדע טרוימען;
און דיין חלום — אונגעדרעמלט —
איז אַרוים זיך דורכ'ן קוימען..."

# פון אדם הראשון'ען ביז מיר

גענעסן האָט אדם הראשון
די פרי פון וויסן, אין עדן,
און גאט האָט געדענקט, אַז צו־פרי שוין
האָט אדם גענומען זיך שיידן

פון אים, און פון זיינע פאַרזאָגן
אָפּקערן זיין ווילן און שטילן
באַגערן צו־געטליך. „פאַריאָגן
אים, טויטן, אין חשך פאַרהילן" —

האָט גאט דאַן באַשלאָסן אין צאָרן —
„ס'האָט אדם מיין סוד איינגעביסן
און איז שיער אַל־וויסנד געוואָרן;
אָנרייצן וועל איך דעם געוויסן,

וואָס בייסן ער וועט אים און בייסן,
דאָך ווערגן דער אדם גאָר וועט זיך". —
אַזוי האָט געפּסק'נט דער כעסן,
און אדם דערוואוסט האָט צו־שפּעט זיך...

דער משפּט, די שטראָף, איז פאַרשטענדליך:
פאַרבלענדן, פאַרדאַרבן, פאַרלענדן
דעם אדם און אדמ'ס אומענדליך —
פאַרוויסטעניש, פינסטערניש, שטאַרבן

פאַר זען און וויסן און וואַגן
דערקענען דאָס גוטע פון שלעכטן...
פאַרנעם אָבער, גאט, מיינע קלאַגן
אַנטקעגן דעם פּסק אומגערעכטן,
אַנטקעגן דיין קנעכט אומפאַרטרויטן,
וואָס בלינדער ער ווערט אַלץ פון זען
דאָך שטאַרבט ער טויזנטער טויטן
פון סודות וואָס שווער אים פאַרשטעהן...

# אַ ווייסע הערבסט־נאַכט

ווייסע שעפּסעלאַך בלאָנדזשען אויפ׳ן הימל,
ס׳האָט דער פּאַסטוך זיי פאַרגעסן ;
שרעק זיך, צאַפּלט דאָס געווימל,
ס׳זאָל דער ווינט זיי ניט אויפעסן...

הערט דער ווינט די שעפּסלאַך צאַפּלען,
בלאָזט ער אָן זיין בייז געזיכט ;
דרייען זך באַ אים די אַפּלען —
לויפט ער, קומט ער אומגעריכט...

אין זיין ווייבער, קילער שוים
טראָגט ער קריגן ווייסן ווין ;
שמעקט דער שאַרפער ווין אַרוים,
שלעפּערט עס די שעפּסלאַך איין...

# ניטאָ קיין ניים איבער דער זון...

וועז עס איילט די זון
איר ליכט צו ווייזן,
ווען אין פלאַמען טון
די שרפים שפּרייזן;
ווען אין שיין געהילט
איז די לבנה,
ווען אַ שטראַל וואָס קילט
איז די מאַדאָנע —
ווילט זיך ווייגען
און ס'ווילט זיך
לאַכן
ווי מען מוט זיך
דיר,
אומזיסט,
נאָכמאַכן...

[מ. ווינאָגראַד

# סאַמכאַט*)

סאַמכאַט! לוסטיג־ליגנערישע געטין,
וואָס פון זינט דער מענטש האָט דיך דערקענט
האָסטו אים פאַרפירט און פאַרנאַרט —
אין דיינע פליגעלדיגע אָרעמס געפאַנגען
מיט דיינע פרייליכע געזאַנגען...
דערנאָך, אַז ער האָט פאַרשכור'ט קאָפּ
לעבן דיר אויסרוען געוואָלט,
ביסטו ווי אַ וואָלקן אין ווינט
פון אים פאַרשוואונדן געשווינט!... —
דיך פאַרשטויסט איצט נקמה'דיג
איינער פון די אינגסטע דינער דיינע,
וועמענס בליק איז אָפּגעקערט שוין לאַנג
פון דיין פאַרשייטן צויבער
און וועמענס אויער פאַרנעמט ניט מער
דיין לאָקנדיג געבעט,
מיט דעם פאַרבאָרגענעם געשפּעט...
ביסלאַכווייז פאַרלאָזן דיך אַלע
וואָס גלוסט נאָך זייער גלוסטונג
דיינע לוסטיגע ליפּן צו פּרעסן —
זאָלסט זיי קענען דערנאָך,
שפּאַסנדיג, פאַרגעסן...
זיינען דיינע וואוינונגען
אין די נידעריגסטע הייזער אַצינד
און ס'וואַלגערט זיך דיין לייכטער קאָפּ
אויף בעטן פון גראָבער זינד,
וואָס, איך ווייס, דו טוסט אַזוי שטארק האַסן
ווי ליב עס זיינען דיר געוועזן
דיינע געטלאַך־גרויזאַמע שפּאַסן!..

---

*) סאַמכאַט — די געטין פון פרייד, אין דער אַסירישער מיטאָלאָגיע.

# אַ שלעכטער סימן...

נאַכט נאָך נאַכט, אין זעלבן פּלאַץ,
זיצט און וויינט אַ שוואַרצע קאַץ.

לעבנס גיין האָט גאט דער פאָטער
איר געשענקט, און בלויז איין קאָטער...

איינעם בלויז, דערצו אַ „באָמער״ —
הערט ער נישט איר קאצניאמער...

הערט ער יאָ די גיין קאַץ־שטימען,
זעט ער מיך — אַ שלעכטער סימן !..

ברענט אין אים די תאוה־שריפה,
און זי ברימט ווי אַ מכשפה...

קאָטער, קאַץ — געכפּל'ט לעבן —
מיר האָט גאָט בלויז איינס געגעבן,

דאָך געבן וואָלט איך עס מיין פּאָר,
מיט די שוואַרצע כשוף־האָר.

נאָר פאַר מיר, איר מעגט זיך רימען,
יעדער איז אַ שלעכטער סימן...

# פאַרלוירן־געפונען...

כ׳האָב פאַרלוירן זיך, פאַרלוירן,
אויף דער ערד און אויפ׳ן הימל,
ביי פיל טירן, ביי פיל טויערן
וואַנדלענדיג אין טרוים־געווימל.

כ׳האָב פאַרלוירן זיך און וועלטן,
אין געלאַף פון זיך אַליין —
זיך דעם אָפּענעם־פאַרשטעלטן,
פול געלעכטער און געוויין...

כ׳האָב געזוכט זיך און געשפונען
מעשות וועגען ניי־געבוירן...
ביז כ׳האָב זיך אָפּגעפונען,
ווען מיט דיר כ׳האָב זיך פאַרלוירן.

ווּאַלן ]

# ניו־יאָרק

(אימפּרעסיע)

קאַסטנס גרויע, געלע, ווייסע,
אויסגעשטעלט אין ענגע רייען,
יעדער קאַסטן — אַן אַנדער מעשה —
שווער אַזוי זי צו פאַרשטיין...

שטראָמענדיגע פאַרבן־מאַסן,
שעמערירנדע קאָלירן —
בלישטשען, לויכטן אין די גאַסן —
לויכטן, בלענדן און פאַרפירן...

# אויף אַ ווייסן זעגל...

אויף אַ ווייסן זעגל
האָט מיין גייסט זיין נעסט געבויט,
און דעם ווייסן זעגל
זוכן וועל איך ביז'ן טויט...

ווינט האָט אים פאַרטונקלט,
גאט האָט אים פאַרשטויסן,
זעענדיג די נעסט פון
דרויסן בלויז, פון דרויסן...

איז די נאַכט מיין טרייסט איצט —
פינסטערניש מיין פרייד —
און דעם ווייסן זעגל
זוך איך אין איר קלייד...

# אַנאַנסן...

ווי לעמפּלאַך פּיל־קאָלירטע
פון אַ עלעקטרישער רעקלאַמע
מיר לייכטן דאָ פּאַרווירטע
אויף אונזער אויבער־הערשער׳ס „ליאַמע״...

מיר פֿיערן זיין לעבן,
זיין מאַכט און זיין פאַרמעגן,
זיין נעמען און זיין געבן;
אויף וואָס? — מען טאָר ניט פרעגן...

מיר צינדן זיך און צינדן,
ווי די עלעקטרישע רעקלאַמעס,
לייכטן אויף און שווינדן...
פאַרנאַרן קונדן — מערן מאַמעס...

נו, פרעגט אייך ווינאָגראַד איצט —
אַ מענטש וואָס האָט נאָך קליינע וואָנסן,
נאָר עפּעס אים אַ חשד היצט —
נאָך וואָס אים געבן פריי אַנאַנסן? !...

# II.

# קאָלירן-קלאַנגען

# עלעגיע

מיינע אָדערן — סטרונעס דינע —
האָט אַ בענקשאַפט אָנגעצויגן;
שפּילט מיר איצט אויף זיי מיין זעל
אַן עלעגיע אויף מיין לעבן:

„אויף די פעלדער פון דיין שכל
האָבן פייערדיגע דערנער
זיך צעצווייגט...
ברענט און שטעכט אַ יעדער דאָרן
מיינע פיבערדיגע אויגן...

און הינטער זיי — די געדאַנקען —
מערן זיך און מערן —
רויענדע באַצילן...
ווי זאָל איך ניט וויינען? —
ווי זאָל איך ניט שפּילן?..."

[מ. ווינאָגראַד

# פאַר דיין געזונט!..

פאַר דיין געזונט,
ליכטיקע געטין פון געזאַנג,
טרינק איך איצט מיין ווײ —
מיין טייערסטן געטראַנק!
פאַר דיין געליבטן נאָמען
בין איך מקריב הײנט די נאַכט
און אַלע מײנע תאוות
פאַר דיין געבענטשטער טראַכט! ...

מעג דיין קומען זיין מיט פרייד,
מעג דיין קומען זיין מיט קלאָג —
אַלץ אײנס איז דאָס פאַר מיר;
נאָר לאָז מיר ניט אַליין
אין מיין נאַכט און טאָג...

איך האָב געמײנט עס וועט די פײן,
די הייסע פײן,
פאַרטרוקענען גאָר מיין גומען,
איצט קומסטו צו מיר ווידער —
געבענטש זאָל זיין דיין קומען —
פול מיט זאַפט אין דײנע גלידער...
און איז דער זאַפט געווײן —
וועל איך מײנס אין אים דערטרינקען,
נאָר לאָז מיך ניט, ווי אַ שטיין,
שטומערהייט פאַרזינקען...

# אין עמק יזרעאל...

ס׳איז זיס דאָס קול פון אַלטע פידלען,
באַרירטע  פון פאַרבענקטע פינגער,
נאָר וואָס קאָן זיסער זיין
ווי די פיין
וואָס זינגט אַרויס פון פידל־סטרונעס —
אויפגעלאָזן און פאַרלאָזן...

ווי סטרונעס בלוילאַכע און גרינע,
פאַרלאָזן פון דער שכינה,
ציען זיך די שטראָמען־לופט
אין גרינעם טאָל יזרעאל,
פאַרשפּאַרטע ווי אין אַ צעל
צווישן די בערג פון גלבוע, נאַקעט און גרויליך־גרוי —
פאַרשאָלטן אויף אייביג צו בלייבן אַזוי...

און דוד׳ס טויטע ליפּן —
רויטער ווי דער כרמל נאָך —
זינגען אַלץ מיט קלאָג
אויף שאול׳ס בראָך...

[מ. ווינאָגראַד

# לידער ווי טויבן...

כ׳האָב לידער ווי טויבן
אין בלוט מיינס געבאָדן,
געוואַרעמט מיט גלויבן,
געהיט זיי פון שאָדן...

כ׳האָב אָדערן געטוליעט,
געגנעסטלט סאָנעטן;
מיט זיי כ׳האָב געהוליעט,
געכאָוועט שטאַפעטן

צו שיקן אַנטקעגן
דיין ליכטיגן פּנים,
וואָס פינסטער די וועגן,
וואָס בלייבן נאָר אָן אים...

צום סוף גאָר געקומען,
מיט טריט אומבעזאַכטע,
ביסטו מיט אַ ברומען,
געוועקט די פאַרשמאַכטע,

פאַרבענקטע שטאַפעטן —
די לידער, באַפליגלט,
די אָדערן, סאָנעטן,
מיט ליפּן פאַרזיגלט...

געעפנט דאָס שטייגל,
געצויגן דיין בויגן;
איצט האָבן קיין צווייגל
די טויבן, פאַרפלויגן...

# א ניגון

ביסט מיר היינט פאַרביי מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן,
נאָר אין איילעניש געמאַכטער האָסט פאַרגעסן
צו פאַרמאַכן זיך דאָס האַרץ, און, אָנגעבויגן,
האָסט פאַרלאָרן שטיקלאַך ניגון פון מעת־לעת'ן

פול מיט בענקשאַפט־ריחות פון צעבליטע בלוטן,
וואָס באַפאַרבן פורפור־רויט די מאַטע שעה'ן —
די געהיימניספולע פייגל פון ניט־גוטן —
פליענדיג צו אונז און פון אונז ווי די קראָען...

האָבן מיינע אוי'רן אויפגעכאַפּט דעם ניגון
און באַהאַלטן טיף די טייערע „אבידה"...
איז קיין חילוק מער צי פרידן, אָדער קריגן,
ווען עס זינגט איצט, טיילווייז, איין געזאַנג אין ביידע...

# אַ מיניאַטור סימפאָניע אין שוואַרץ

.1

(אַנדאַנטע)

עס שוואַרצט די נאַכטיגע לבנה
דער זון וואָס וואַרפט אויף איר די שיין;
עס שוואַרצט די הייליגע איקאָנע
איר מייסטער, אין זיין פּחד־פּיין...

עס שוואַרצט דעם ווילדן אַפריקאַנער
דער גאָט צו וועמען ס'דינט זיין בלוט;
עס שוואַרצט דער הערשנדער הומאַנער
דעם שקלאַף וואָס פּוצט זיין שוך און הוט...

עס שוואַרצט דער בלינדער זיינע קינדער —
די ליכטלאַך אויף זיין שוואַרצן שטעג;
עס שוואַרצט דאָס אויג דעם זעלבן צינדער,
וואָס האָט געלויכטן איר דעם וועג...

## 2.

### (אַמאָרע)

פון וואַרימע לענדער איז אַ ווינטל געקומען
און דעם פויגל פרילינג מיט זיך מיטגענומען ;
אין בליענדן חשך פון דער קילענדער נאַכט
ער האָט אין מיין האַרצן זיין נעסט זיך געמאַכט...

פאַרגיב מיר, פויגל פרילינג, מיין אויפנאַמע די קאַלטע,
וואָס כ'האָב דיך ניט עמפפאַנגען מיט טירן אויפגעפראַלטע,
וואָס פינסטער איז דיין נעסט דיר און ס'בלאָזן ווינטן דאָרט;
שולדיג איז די ליבע, וואָס פליט פון אָרט־צו־אָרט...

פאַרוואונדעט אירע פליגל האָבן שוואַרצע בליקן,
די זעלבע וואָס זי פלעגט מיט אירע פאַרבן קוויקן,
און איינגעהילט אין טרויער האָבן שוואַרצע רייד איר —
פאַרגיב אַ קראַנקער שוועסטער און איר סוף באַשייד איר...

### 3.

(אַזשיטאַטאָ)

מיט זיין שוואַרצן, שאַרפן שנאָבל
האָט דער פלינקער פויגל פרילינג
דורכגעלעכערט מיר מיין לייב! —

פון זיין נעסט, זיין אויסגעוויילטער
האָט ער זיך אַרויסגעריסן —
ווער זאָל ריכטן זיך און וויסן!..

זיי געבענטשט, דו גוטין שוואַרצע,
און פון ליכט באַהיט, באַשיץ מיר,
זיי געלויבט אויף אייביג, נאַכט! —

טו דיין פינסטערן גענאָד מיר,
לאָז ניט קומען דעם באַגינען —
קיינער זען זאָל בלוט מיינס רינען...

.4

(פוריאָסא)

עס שווינדט די ליכטיגע לבנה
ביים אָנבליק פון דער שוואַרצער פּיין;
עס ברעכט דער מייסטער די איקאָנע,
פאַרטרינקנדיג מיט שוואַרצן ווייַן!...

ווינטן, ווילדע, ווירטואָזן,
שפּילט, אָ, שפּילט אויף מיין געמיט מיר,
אויף די טונקעלע קלאַווישן! —

שפּילט מיר אויף די שאַרפע סטרונעס
פון מיין געטין'ס שוואַרצער האַרף! —
ווייל דער וויטאָג שאַרף איז —
שאַרף! ! !

[מ. ווינאָגראַד

# האַרבסט־מאָטיוו

לעצטע פויגל באַלד פאַרפליִען
אין די ווייטע ווייטן
און דער טרויער מיט זיין בויגן
קומט שוין אָן צו רייטן...

רייטער, ריטער, זיגער מיינער,
זאָג מיר דיינע וועגן ;
איך בין דאָך סיי־ווי שוין דיינער —
וועל איך דיר גיין אַנטקעגן...

איך וועל אַליין מיין ביסל פרייד
אַ מתנה דיר אָפּגעבן :
וועט קלענער זיין מיין לייד —
לענגער דיר דיין לעבן...

— — — — — — — — — — — — — — —

שוין קיין פויגל ניט פאַרבליבן
און מיין פרייד פאַרטראָגן
האָבן ווינטן, זעקס־און־זיבן, —
ניט אויף צום דעריאָגן...

וויל דער זיגער מער ניט זיגן,
פיילן מער ניט וואַרפן ;
וועט מיין האַרץ — אָן פריד און קריגן —
קיינער מער ניט דאַרפן...

טרויער, בלויער ריטער מיינער,
זאָג מיר דיינע וועגן...
דאָס בין איך, דער דינער דיינער,
כ'גיי דיר שוין אַנטקעגן...

# קאָנטראַפּונקט...

מײַנע פֿינגער געדענקען די װײכקײט
פֿון דײַן לײַב און די װילדע סימפֿאָניע,
מיט רעגנדער גלײַכער־אומגלײַכקײט,
פֿון אונזער אולטראַ־מאָדערנער האַרמאָניע...

װאָס מיר האָבן געשפּילט אין באַגלײטונג
אויף די סטרונעס פֿון דײַנע באַגערן,
מיט דער קלאָרער־אומקלאָרער באַדײַטונג
פֿון די בלענדנד־פֿאַרבלענדענדע שטערן...

איך געדענק נאָך די גליִענדע טענער,
װי מיר שטײַגן קרעשטשענדאָ־קרעשטשענדאָ,
װי דער טאַקט װערט אָט גרעסער, אָט קלענער —
מיט דער פּלוצלינגער דימינוענדאָ...

אַצינד זיצט זיך דײַן יונגער „אַפּאָלאָ"
און ער שפּילט זיך אַ נאָגענדע סאָלאָ
פֿאַר רעיונות װאָס טאַנצן באַלעט
פֿאַר דיר — בײַ אַ צװײטן אין בעט...

## III.

# דראַנג

א.

# דינסטן אין אַ האָטעל

„ווי זון־ליכט אין דער מדבר
גייט אויף אין אונז דאָס לעבן —
גייט אויף, פאַרגייט,
און איז פאַר קיינעם ניט קיין פרייד...

אונזערע טעג — עקראַנען פון אַ ביליגן קינעמאַטאָגראַף:
פּנים׳ער, פּנים׳ער — סודות׳פול אַלע —
און נאָך איידער זיי באַרואיגן אונזער בליק
פאַרשווינדן זיי שוין צוריק...

אַז מיר זיינען צוריקגעהאַלטן און מיאוס
ריידן צו אונז די מענער־געסט קאַלט און ווייניג,
און אַז מיר זיינען פרעך און שיין —
האַלטן אונז די פרויען פאַר געמיין...

די באַלעבאַטים אונזערע
וואָלטן וועלן מיר זאָלן זיין
אַלץ צוזאַמען —
פרעך און פיין...
נאָר אונטערטעניקייט איז ווי אַ שלאָס
אויף די געפילן...
און בלויז ווען מען לאָזט אונז עפּעס איבער
שמייכלען מיר: „אַ דאַנק“, אַ שטילן...“

[מ. ווינאָגראַד

## ב.

# פאַרבעטנדיג די בעטן:

„נאָך שמעקט דער מענער־שווייס
מיט דעם גרינעם ריח פון באַגערן,
מישט זיך אויס מיט דער ווייסקייט
פון די ליילאַכער און קישנס —
וואַרעם נאָך,
נאָך וואַרעם...

ערשט נאָר־וואָס זיינען זיי דאָ געלעגן —
ווייסע,שיינע
(דאַכט זיך אַלע שיינע...),
און אין דער פינסטערניש
האָבן זייערע אויגן זיך געצינדן —
ביי טייל מיט בענקשאַפט,
ביי טייל מיט ווילדן כעס...

אָבער אין טיף פון אונזער געצוימטער ליבשאַפט,
וואָס רוישט אין אונזערע צנועה'דיג־פאַרדעקטע גלידער,
וואָלטן זיי זיך אַלע פאַרטונקלט
און געלאָשן...

גרין... ווייס...
ווי עס פאַרשכור'ן די קאָלירן !..

קען זיין ס'האָבן טייל, ביינאַכט,
פון אונז געטראַכט,
קען זיין — געבענקט נאָך אונז אַפילו...
אָבער... „דינסטן... פרעמדע דינסטן..."
און די קייטן פון ווירדע און מאַניערן
האָבן זייער געפיל באַזיגט...

גרין... ווייס...
שוין הויבן זיך אָן אונזערע האָר צו ווייסן
און אויף אונזער הויט —
ועט גרינען דער פּרילינג
פון דעם האַרבסט...
וואו וועט בלייבן אונזער פייער —
ניט אויסגעברענט —
וועמען וועט אונזער לעצטער אָטעם
וואַרעמען ?..

גרין... ווייס...
און שליסלען אין די טירן...
אָ, ווי עס פאַרשכור'ן די קאָלירן !..."

(נעאַפּאָל, איטאַליע, 1925).

# באַרג וועזוואוויוס אין אַ נעבלדיגן פאַרנאַכט

אומבאַוועגלאַך,
ווי אַ צוריקגעשטויסענע האַנט,
פעסט־פאַרפויסט,
שטאַרצט אַרויס דער רויך
פון באַרג וועזוואוויוס
בייז־אַנטבלויזט:
„מיאוס איז מיר שוין
אייביג אטעמען מיט רויך;
גאָט, וואָס פאַרשטעלסטו נאָך מיין כח?!...“

נאָר דער בלייענער טומאַן
שווערט אַראָפּ די האַנט פון דעם וואולקאַן...

אין די הייזלאַך באַרג־אַראָפּ,
באַרג־אַרום,
גייט אויף גערויש,
גייט אויף ליכט;
פאַרלאָשן, שטום —
וועזוואוויוס בלויז...

און עס דוכט זיך:
אָט פלאַצט דאָס כעס־קאָכנדיגע האַרץ זיינס
און, פלאַצנדיק, עס וועט זיך הערן:
„אָט בין איך!.. אָט בין איך!..“

# ים לידער

א.

## אַ שיף גייט פאַרביי...

ס'האָט מיין בענקשאַפט זיך געלאָזן
איבער בלויען ים אויף לויער,
איז דער ים געוואָרן ווילדער
און די כוואַליעס פינקלען בלויער...

ניט־ווייט פון מיר
רוט מיין חלום'ס האַרץ —
ניט־ווייט פון מיר שוועבט איר קול...
נאָר ס'איז צו־רואיג די געליבטע,
כ'זאָל אין רוש פון די אינדן
אויך איר קול פאַרנעמען...

— — — — — — — — — — — — — — —

שוין האָט די זון זיך אויסגעלאָשן
און מיין בענקשאַפט — אָנגעצונדן!...
לעשט זיך אוים איר שטערן אַלע! —
און זאָל מיין בענקשאַפט ניט פאַרבלאָנדזשען
זוכנדיג בלויז שטערן צוויי...

נאָר דער ווינט איז אַזוי ליכט דאָ
און די בענקשאַפט — אַזוי שווער ;
און די שטערן — ניט געפונען —
לאָקן אַלץ מער און מער...

ב.

# די כוואַליעס

ווי קליינע, קלאָרע טויבן,
פון ווייסע וואונדער־לענדער,
פליען זיי פון ווייטן;
פליענדיג — זיי וואַקסן, וואַקסן,
און — ווי דערשראָקן פאַר מענטשן־אויגן —
וואַקסנדיג, זיי ווערן אויס...
ווערן אויס —
און, ווי אין אַלטע צויבער־מעשות,
זיי ווערן גלייך פאַרוואַנדלט
אַט אין רוישנדיגע ווילדע גענז,
אַט אין גרויסע זילבער־שטיקער...
שווימען גענז, שווימט דאָס זילבער,
און באַגעריג מענטשן גאַפן:
אַזוי פיל גענז, אַזוי פיל זילבער,
און אַט איז גאָר שוין באַלד דער האַפן!..

## ד.

# סאַרדיניאַ

אונטער רייִנער בלויקייט
פון איטאַליע׳ס הימל
הילט פאַנאַנדער זיך די גרויקייט
פון סאַרדיניאַ׳ס הויכע פעלזן —
סקעלעטן פון פאַרבאָרגענע באַגערן...

מיט איר גאַנצער הויסקייט
קושט די זון דעם קאָפּ אייך, פעלזן,
און די אינדן — אייערע פיס;
דאָך פאַרנעם איך פון אַייך בלויז
פאַרשטיקטע יאָמער־טענער...

און — מיר פאַרבייגייענדיג — אַן איטאַליענער
דערציילט מיר וועגן קעז,
וואָס ווערט געמאַכט „דאָרט, אויף יענער זייט״,
אויף דעם קעז־אינזל סאַרדיניאַ. —

„גרויסע קעזן און גוטע קעזן!..״

— — — — — — — — — — — — — — —

קעז, פעלזן, אינדן, זון...
גאָט, שיץ דיין קינד׳ס צעמישטן וועזן!..

(מיטללענדישער ים, סעפּטעמבער 1925).

[מ. ווינאָגראַד

## ד.

# גערא̇נגל

שוין לעצטע פאַסן ווייסקייט
פון עגיפּטנס האָפן־הייזער
אָפּגעשניטן באַלד פון רוים,
און איר רויטע זון, די גרויסע,
שלינגען וואָלקנס
ווי מיין טרוים...

לויפנדיג, ווי מיינע שרעקיגע געדאַנקען,
ראַנגלען זיך די כוואַליעס פון פּחד'דיגן ים,
און ווי מיינע רוישיגע פאַרלאַנגען —
נאָנט פון ציל
און ניט דערגאַנגען —
פאַלן זיי אין לויף
און הויבן זיך אַרויף,
רוישנדיג שטאַרקער אַלץ און באַנג
מיט דעם אומרו פון „ווי לאַנג!...״

ה.

# טעג פאַרגייען

טעג פאַרגייען, ווינטן, קומען
און פאַרטראָגן כוואַליעס׳ ברומען
ווייט מיט זיך אין לענדער ווייטע,
און עס קומען טעג באַנייטע...
נאָר מיין לעבנס ויסטן זשומען
האָט קיין ווינט ניט מיטגענומען...

כוואַליעס ווילדע, ווילד אָן ווילן,
בלויז איר קענט מיין האַרץ פאַרשפּילן! —
מיין האַרץ וואָס שטענדיג וואַכט און הערט
און ווערט פון יעדן טאָג באַשווערט —
אָ, זינגט מער ניט קיין ניגון שטילן,
ווייל שווער איז מיר שוין זיך צו פילן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

טעג פאַרגייען, ווינטן קומען,
ווייט פון ברעג שוין אָפּגעשוואומען;
נאָר מיין ערדיש, ערדיש זאָרגן
קאָן דער ים אויך ניט פאַרבאָרגן...

(אַטלאַנטישער ים, נאָוועמבער 1925)

[מ. ווינאָגראַד

# זיסער, שטאַרקער וויין

ווי זיסער, שטאַרקער וויין
זיינען מיר אייערע ליבליכע שמיסן
און אַזוי די קאָמפּראָמיסן
וואָס איר מאַכט מיט מיר —
ווי מיט אַ קינד,
שוואַך און רייך..
איך האָב דעם וויין געטרונקען
און געטרונקען,
איצט וועפּט אויס זיין פאַלשע זיסקייט
און עס שטאַרצן צאָרניש מיינע ביינער...
איך בין ניט שוואַך,
און נאָך ווייניגער בין איך רייך!..
ס'האָט מיין קינדהייט ניט געבליט;
אָרימקייט האָט, ווי אַ פּאַראַזיט,
מיר אויסגענאָגט די אינגל־פרייד...
און דאָס רייכע קלייד
פון מיינע רייד —
איז פון נויטן אויפגענייט!..
לאַנג צוריק האָט אַ מאַמע מיך געטראָגן,
נאָר ס'האָט די נאַכט מיך ערשט געבאָרן...
אַלט איז נאָר מיין זכרון —
געדענק איז זיך און אייך
זייער און זייער...
ווי פאַלש־פאַררעטעריש איז יעדע טרער...
זיינען גלייך ביי מיר
אייערע פאַרטיידיגונגען און קלאָגן!

נאָר זאָל קיינער פון אייך ניט וואַגן
מיר צו געבן דעם זיסן ווייַן פון רייד,
אָדער אָננעמען זיך מיין קריג...
קאַמף! —
קאַמף מיט גאט
און מיט אַלע וואָס פאַרטיילן גליק! —
מיינער איז מיין דורכפאַל,
אָדער זיג!..

# אַ באַלאַדע פון טויזנט וועלט־חכמים, אַ נר תמיד און די זון

ס׳האָבן זיך דער וועלט אַלע נייעסן געהאַט צוגעגעסן,
האָט זיך איר פאַרגלוסט באַשאַפן אַ ליכט
וואָס זאָל ברענען אייביג —
אַפילו ווען קיין מענטשן וועלן שוין אויף דער וועלט נישט זיין...
איז באַשלאָסן געוואָרן,
אַז אויף אויסצוקלערן פון וואָס און ווי אַזוי דאָס ליכט צו מאַכן —
דאַרף מען טויזנט געלערנטע און חכמים צו האָבן.
האָט מען די טויזנט געלערנטע און חכמים געפונען. —
זיינען זיי פופציג יאָר געזעסן —
געטראַכט און אויסגעטראַכט:
אַז צו מאַכן אַזאַ ליכט
דאַרף מען אַלע חיות און בהמות פון דער וועלט
אויסשעכטן —
און זייער חלב פאַר דעם איינעם ליכט פאַרנוצן.
און ווייל דער וועלט האָט זיך דוקא אַזאַ קונץ פאַרגלוסט,
האָט זי איינגעשטימט —
און ס׳איז געשען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען ס׳זיינען אַלע מענטשן פון דער וועלט
אויפ׳ן גרויסן וואונדער געקומען
און מ׳האָט דאָס ליכט מיט גרויס פאַראַד אָנגעצונדן,
האָבן זיך קיינמאָל־נאָך־נישט־געזעענע פייערן
פון דעם ליכט־קנויט צעשפּריצט —
און גרויסע כשוף־מאַכער האָבן אין זיי אַזוי געלייענט:
„איז דען פאַראַן אַ פינסטערער גורל ווי מיינער
צו לייכטן ווען ס׳וועט שוין קיינער נישט זיין
צו זען די שיין!..“

דאַן האָבן זיך אַנדערע פייערן באַוויזן —
און די כשוף־מאַכער האָבן ווייטער געלייענט:
„און דערפאַר וואָס איר האָט אונזערע קורצע, פינסטערע לעבנס
אין דעם אייביגן ליכט פאַרוואַנדלט,
ווייל ס'איז שוין פאַר אייך דאָס ליכט פון דער זון
צו ווייניג געווען,
זאָל זיך די זון פון אייך אָפּטאָן אויף אייביג!..״
האָט זיך די זון, אינמיטן הימל, אַ לעש אויס געטאָן!...
— — — — — — — — — — — — — —
און פון דער גליענדיגער שרעק פון די מענטשן
וואָס האָבן זיך, ווי יענע בהמות און חיות, ביי דער שחיטה,
צעשריגן מיט געוויין,
האָט דאָס ליכט ביסלאַכווייז גענומען צעגיין...

[מ. ווינאָגראַד

# STOP!...

די רויטע רויז
אין דיין שוואַרצע בלוזע —
אַ רויט געפֿאַר־לעמפּל
פון אַ ליידיגן אָטאָמאָביל...
פֿאַרנאַכט —
אויטאָמאָבילן יאָגן זיך איבער די גאַסן,
און יעדעס מאָל ווען איינער לויפט מיר נאָנט פאַרביי —
צינדט זיך אָן אַ רויט לעמפּל:
געפֿאַר! — — —
ווערן מיינע אויגן אָנגעצונדן מיט דעם פייער
פון געפֿאַר —
און עס ציט מיך,
ווי עס ציט דעם פייער צו דעם ווינט,
ווי עס ציט די רויז צו מיר אַצינד...

# היראָגליפֿן

מיין יעדער טאָג — אַ ראַדיאָדיגער היראָגליף,
געטראָגן אויף שטורמדיגע ווינטן
איבער אַ זינקנדיגער שיף,
אינדערמיט פֿון אַ צעכוואַליעטן ים...

מיין יעדעס וואָרט — אַ פֿייף
פֿון אַ כמורנעם קוימען,
פֿול שוואַרצע סאַזשעס,
געבליבענע אויף ווענט
פֿון פֿונקען פֿאַרברענטע...

רייסן זיך מענטשן צו שיפֿיגער דעק,
פֿון וואַלן פֿאַרגאָסן,
מיט שוים — ווי פֿון כוואַליעס —
אויף ליפּן צעציטערטע,
און האָר — ווי דער שטורם
ווילד און צעפֿלאָסן.

פֿינטלט זיך לעבן־און־טויט אין די אויגן,
ביז צום פּלאַצן געשטענגטע,
און ס׳זידן די הערצער,
זידן און פֿרירן,
און ציען ווי גומי־צעצויגן:
„ס׳האָט זיך דאָך ערגעץ אַ צייכן געוויזן
אפשר אַ שיפֿל, אָדער ניט ווייט דאָ — אַ ברעג?...“

— — — — — — — — — — — — —

שטאַרקט זיך דער שטורם
פֿון ווינט און פֿון בליקן,
שטאַרבן די שוואַכע — בלינדע פֿון קוקן;
און ווי ראַדיאָדיגע צייכנס
אין פֿינסטערע שטורמס —
גייען מיינע טעג
אין די נעבלען אַוועק...

[מ. ווינאָגראַד

# STILL LIFE...

אין מיטן וועג, אין זאַמדן רויט,
אין מיטן טאָג, אין מיטן לעבן,
געקומען איז דער אַלטער טויט
אין נייער שטאָט אַריין צו שוועבן...

געגראָבן האָט מען גריבער דאָרט,
נאָר נישט פאַר מענטש און נישט פאַר חיה,
און מת נאָך מת געשלעפּט פון אָרט
צו אָרט, געשלעפּט, נאָר אָן לויה...

אין קברים טיף געלייגט זיי דאַן,
נאָר קיינער האָט פאַרגאָסן טרערן;
ס'איז אַלץ געטאָן געוועזן מיט פּלאַן —
באַגראָבן האָט מען יונגע... רערן...

אַ גאַנצע ריי פאַרברוינט און שטאַר
פון לעבנס-פלאַם אין זייערע גלידער;
באַשאַפן בלויז צו זען דעם האַר
און זינקען אין דער קאַלטער נידער...

# אַ קאָפּ פאַר אַ האַרץ!

מיין בעט איז קליין,
די נאַכט איז גרוים;
מיין קאָפּ — אַ שטיין —
פאַלט אין איר שוים...

ער פאַלט, צעשפּאַלט
די נאַכט אין צוויי,
און ער באַהאַלט
זיך צווישן זיי —

ביז קומען וועט
אַ פּריינט, אַ פיינט,
און פון מיין בעט —
פון פּיין באַשיינט ——

אַרויסציהען
דאָס האַרץ פון ברוסט,
אַוועקפּליען
וואו, אומבאַוואוסט...

ניטאָ קיין פּלאַץ
פאַר האַרץ און קאָפּ
אויף איין מאַטראַץ,
אין איין אָקאָפּ.

[מ. ווינאָגראַד

ווען גאָט און שד
אויף איין געביט,
אין פעכט־געווועט,
און איך אינמיט...

נאָר קיינער וויל
און קיינער דאַרף
אַ האַרץ־צופיל,
אַ האַרץ — צו־שאַרף...

קומט קיינער ניט
אַהין, אַהער...
און הייסער גליט
מיין לעצטער טרער...

פאַרבלייב, האַרץ, מיר!
אומזיסט דיין טרוי׳רן;
כ׳האָב איבער דיר
מיין קאָפּ פאַרלוירן!..

# „אַלטע נייעס"...

צווישן גרינע גראָזן,
ביי אַ בוים אַן אַלטן,
האָט אַ ווינט געבלאָזן
אין אַ טאָג אַ קאַלטן — —

און מיט כעס געטריבן
האָט ער אַ פאַרשפּרייטע
צייטונג, וואָס געבליבן
איז פון טעג געשוידטע —

זיך געשפּרייט, געצויגן,
און געוואָרט מיט האָפן
אויף אַ לעזערס אויגן,
ביז עס האָט געטראָפן:

ס'האָט דער ווינט געבלאָזן,
זי פון אָרט געהויבן,
און דערציילט די גראָזן,
פליענדיג פון אויבן,

האָט זי, אַ באַטריבטע:
ווי אויף איר געלעגן
זיינען זיך פאַרליבטע,
מויל־צו־מויל אַנטקעגן,

און זיך פון די ליפּן
גליק ווי וויין געגאָסן;
נייעסן פון טיפן
דאָ און דאָרט דערשאָסן...

מעשות גאָר עקזאָטיש,
פון חתונות, לויות...;
נאָר דער ווינט ברומט שפּאָטיש:
„אַלטע, אַלטע נייעס!.."

[מ. ווינאָגראַד

# געפאַנגען...

געפאַנגען איז מיין זעל אין נעץ פון רייד,
פאַרשפּרייט פון איר אַליין אין רוף צו דיר...
ס'פּאַלט יעדעס וואָרט ווי אַ שווערע קייט
און יעדער ליד — אַ פייערדיגע טיר,

וואָס ברענט די ענגע פליגל איר אין פלוג,
אַ נעבל אינוועניג, אינדרויסן פלאַם;
אין יעדן וועג פאַרבאָרגן איז בעטרוג
און יעדע האַנט — אַ שטעכעדיגע צאַם,

וואָס בלינדערהייט זי לויערט און זי היט
און ציט און שפּרייט זיך פלאָנטערדיג און קוועלט;
דאָך ווערן וועגן אָפן, אויפגעשמידט
די קייט, ווען ס'איז מיין מויל מיט דיינס פאַרשטעלט.

# העכערע מאַטעמאַטיק...

צווייפל, צווייפל, צווייפל! —
זיץ איך און איך כפל
אַ צווייפל אויף אַ צווייפל,
בוי מיר אויס אַן אייפל -

טורעם פון די צווייפל
שטיינער פון פאַרצווייפל,
געברענטע אין דעם „אפל"
פון דעם שוואַרצן צווייפל...

שטייג איך אויף'ן אייפל,
לעזט זיך אויף דער כפל...
און איך זע זיך, ווייפול,
אין אַ הוילן רייפל...